NYC Health

## נוצט איר דראגס?

# פארמינערט אייער ריזיקע



## פון איבערדאזע, העפעטייטיס C און HIV.

### פארמיידט איבערדאזע (Overdose, OD)

- **זוכט אונטער אייערע דראגס נוצנדיג פענטאניל טעסט סטריפס.** אויב עס איז פאזיטיוו, נעמט אין באטראכט עס נישט צו נוצן. אויב איר פלאנט יא עס צו נוצן, דאן הויבט אן מיט א קליינע מאס און גייט צוביסלעך. באזוכט **nyc.gov/health/fentanyl** צו זען וואו צו באקומען פענטאניל טעסט סטריפס.
- **נוצט עס נישט ווען איר זענט אליינס און נעמט רייעס צו זיין ניכטער.** אויב איר נוצט יא ווען איר זענט אליינס, רופט די Never Use Alone (נוצט קיינמאל נישט אליינס) האטליין אויף 800-484-3731.
- **מישט נישט צאם דראגס, אריינגערעכנט אלקאהאל.**
- **האלט nalaxone גרייט און נאנט צו דער האנט.** Naloxone איז א זיכערע און גרינג-צו-נעמען מעדיצין וואס דרייט צוריק די אפעקטן פון אפיאוידס ווי העראין, מעדיצין פאר ווייטאג און פענטאניל. רופט **311**, אדער באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר nalaxone צו זען וואו איר קענט באקומען א פושקע אומזיסט.
- **געבט אכטונג אויב איר האט נישט גענוצט פאר א לענגערע צייט.** אייער שטאפל פון וויפיל איר קענט פארנעמען קען זיין נידריגער, וואס מאכט אייך מער אין ריזיקע פאר אן איבערדאזע.
- **רעאגירט צו אן איבערדאזע.** אויב איר זענט מיט איינער וואס איר טראכט ליידט פון אן איבערדאזע, דאן געבט יענעם nalaxone און רופט **911**. זאגט פאר די אפעריטער אז איינער אטעמט נישט.



## פארמיידט העפאטייטיס C (העפ C) און HIV

העפ C און HIV זענען ווירוסן וואס געפונען זיך אין די בלוט. נוצן די זעלבע דראג געצייג, אריינגערעכנט איינשפריצן, קאכערס, וואטע און וואסער, מיט איינער וואס האט העפ C אדער HIV קען אייך אינפעקטירן. העפ C קען שעדיגן אייער לעבער, און עס איז נישטא קיין היילונג פאר HIV, אפילו מיט מעדיצין.



- **נוצט אלעמאל נייע געצייג.** עס זענען פארהאן אנאנימע פראגראמען אין ניו יארק סיטי וועלכע שטעלן צו אומזיסטע איינשפריצן און דראג באנוץ געצייג.
- **טיילט קיינמאל נישט מיט געצייג,** אריינגערעכנט אויב איר שפריצט אריין, אטעמט אדער רייכערט דראגס.

## עמערזשענסי איבערדאזע אנווייזונגען

1. **רופט 911.**
2. **געבט naloxone אויב איר האט עס.** שפריצט נאז naloxone אריין אינעם נאז, אדער געבט אן איינשפריץ פון אינטראמוסקולער naloxone אינעם אויבערשטע ארעם אדער פיס. אויב עס איז נישטא קיין רעאקציע ביז צוויי מינוט, געבט א צווייטע דאזע.
3. **לייגט דעם מענטש ליגנדיג אויף זייער זייט.** ווארט פאר הילף אנצוקומען.

## הילפסמיטלען

- **אומזיסטע און ביליגע איינשפריצן:** פרעגט ביי ארטיגע אפטייקן, אדער באזוכט **nyc.gov/alcoholanddrugs** פאר א ליסטע פון איינשפריץ סערוויס פראגראמען.
- **העפ C טעסטינג און באהאנדלונג:** רופט **311**, אדער באזוכט **nyc.gov/health/hepc**.
- **HIV טעסטינג און באהאנדלונג:** רופט **311**, אדער באזוכט **nyc.gov/health/hiv**.
- **שטיצע און הילפסמיטלען פאר גייסטישע געזונטהייט:** רופט **888-692-9355**, אדער באזוכט **nyc.gov/nycwell**.